STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07856

# BAYM TOYER FUN MES-LESN

Dora Teitelboim

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-07856-5

D:\YIDDISH\TITLES\9780657078560T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT
(413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT
NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET,
AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Lief D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

דאָרע טייטלבוים:

# בײַם טויער פון מעת-לעתן

דאָרע טייטלבוים

# בײַם טויער פון מעת־לעתן

לידער

פאַרלאַג „ישראל־בוך"
תל־אביב, תשל"ט — 1979

דורה טייטלבוים

# על יד שער הימָמות

שירים

DORA TEITELBOIM

# BEIM TOIER FUN MESSLESSN

Poems

Publishing-House Israel-Book, Tel-Aviv, P.O.B. 1777

פאַרלאַג „ישׂראל-בוך", תל־אביב, רח' איתמר בן־אבי 4

Printed in Israel 1979 נדפס בישראל

דפוס „להב" בע"מ, תל־אביב, רח' המסגר 60, טל. 336564

# הערשלען מיט ליבשאַפט

## שעפּסן

ווי אַ פּאַסטעך אויף די פעלדער
מיט די שאָף אין אַ געוויטער,
איך גיי אַרום אויף וועלט דער
מיט אַ סטאַדע לידער.
דער ווירבל־ווינט אַ פײַפל,
די ווײַסע נאַכט — אַ טאָרבע
מיט חלום־סקאָריקעס אַ הייפל.

שעפּסן מײַנע, נאַקעטע, טריבע,
די וועסנע־וואָלקנס — אײַער וואָל,
וואָס וואַנדערן אין רוימען.
די לאָנקע גרינע פון אַמאָל —
רויכן סקרוּביקע פון קוימענס,
מיט אַ פײַער־טעם אַ ביטערן.
וווּ זשע זאָל איך אײַך אַצינד,
שעפּסן מײַנע, פיטערן ?

## דער אשל־בוים

אין מיטן פונעם מידבר,
מיט פײַער־זאַמד
אַרומגעצאַמט,
ווי אַ קעמל
מיט האַרבן פאַרשלאָסענע,
דער אשל־בוים
שטייט.

דורשט און טריקעניש אַרום.
ווי עמער ליידיקע אין רוים,
טעג און נעכט זיך וויגן.
זונען און קאַרשונען
די צווײַגן זײַנע פּיקן,
און ער — צווישן ערד און הימל
אין דער מיט,
מיט קנאָספּן זאַפטיקע
ער בליט.

פון צווײַג זײַנעם
אויסשניצן וועל איך אַ שטעקן
אין שעה דער גרויער,
אין האַרץ דעם מידבר שפּאַלטן,
עס זאָל אַרויס אַ קוואַל אַ בלויער.

## בן־אָדם

ס׳גייט די זון מיט רונדן טראָט
יעדן טאָג אויפסניי
דעם קרייז אַרום,
און יעדן שפּראָץ
און בעל־חי
אין אויער רוימט אַריין:
אַלץ —
פון יעדער פאָרם,
פאַרב און מין.
דער ספּעקטרום
פון אַ שטראַל.
דאָס ברויט.
דאָס זאַלץ.
דער האָניק פון אַ בין,
דער שאָטן פון אַ בוים,
די מילך פון שטאַם —
זאָל זיין פאַר דיר,
בן־אָדם.

אַלץ,
וואָס איז און ווערט
אין געוועב
אין־סופיקן פון צייט.
אַלץ וואָס וואַקסט און בליט,

וואָס כּפּלט זיך און מערט —
שירה זינגען זאָל צו דיר.
דער טאָג — אַ פידל,
דייַן ניגון אויסצושפּילן.
די נאַכט — אַ וויג,
דייַן חלום איינצוהילן.
און טייַכן אַלע
יאָגן זיך צום ים,
דייַן נאָמען
אויף די ברעגן צו פאַרשרייַבן,
בן־אָדם.

# אַ שטיין

אַ האַרטער באַזאַלט־שטיין,
פון זודיק לאַווע־לייב — אַ קינד.
געשליַידערט, געוואָרפן און געטראָטן.
פון זיַין מאַמען
קיינמאָל נישט געגלעט.
פון קיַין ליפּן
קיינעמס
נישט באַרירט.
אַ זכּרון מיט זכרונות פאַרשאָטענע.
אַ נעסט מיט פייגל פאַרשׂרפעטע,
אַ שוויַיגן —
שיכט אויף שיכט צונויפגעפרעסט.
עיאָנען יאָרן אַלט...
אַ פאַרגליווערטער געברום.
אַ שטומער שטיין
אין באַהעפט מיט נאָך אַ שטיין
געבערן ווערט אַ פייער־בלום.

## מײַן שטאָט

איך קום פֿאַרטאָג צו דיר, מײַן שטאָט,
ווען אין נעפּל שטייסט נאָך ביז די קני.
פֿון שלאָף נאָך טראָגסט אויף זיך דעם גנאָד,
ווען שוואַלבן־שורות, ווי נאָטן אין געפּלי,
דעם הימל איבער דיר מיט שלווה פֿאַרשרײַבן,
ווען טומאַן, דעם טויזקן, פֿון זיך טוסט אויס,
און ס׳וואַרפֿט די זון אַ שטראַל דיר ווי אַ רויז.
אין מענטשן־שטראָם, דעם אייביקן, איך שלײַך
און שווים אין בליקן ערלעכע, ווי אין אַ טײַך.

ווען ס׳קערן ווינטן אום זיך פֿון די בערג,
מיט ריחות פֿון ווײַן־גערטנער, געווירצן און מאָך,
ווען מאַמעס גייען שוין מיט קוישן צו די מערק
ווי אַ שאָטן, די קינדערלעך אין שולעס איך גיי נאָך,
צו קעפּלעך אַלע זיך ציט מײַן האַנט צו טאָן אַ גלעט.
פֿריש געבליבן אין זכּרון. דאָס אויג זיי אַלץ נאָך זעט —
די בערג מיט שיכעלעך.
די סטויגן האָר, פֿון קעפּעלעך אַראָפּגעשאָרן
אין לאַנד פֿון ברוינעם שד.
פֿון דערווײַטנס זיי, מיט בליקן נאָר,
די קעפּלעך, די ליכטיקע, איך גלעט.
זאָגן קיינער זאָל: „אַ פּרוי אַראָפּ פֿון זינען,
צערטלען קינדערלעך, זי קומט אַהער באַגינען".

## לערן מיך וואַרפֿן אַ שטיין

קום, דוד, אַרויס פֿון תנ״ך
און לערן מיך וואַרפֿן אַ שטיין.
ס'האָט פּנימער הײַנט גלית אַסך —
און איך אַנטקעגן אים — אַליין.

אַ געפּעפּכט יעדער טאָג,
און שטיינער אַזוי פֿיל
אין האַרצן איך טראָג.
איך שלײַף זיי און שאַרף,
זײַן זאָל מײַן שטיין
ווי דער ניגון פֿון דײַן האַרף.

קום, דוד, אַרויס פֿון תנ״ך
און לערן מיך טרעפֿן אין ציל.
ס'גייט שוין די זון אויפֿן שליאַך
מיט פּאַרכטיק געמאָסטענעם טראָט
צום טויער פֿון שוואַרצן אַזיל,
ס'שטייט נאָך דער טאָג אויף די קני,
ביי וואַנט דער אַלטער פֿון שטאָט.

קום, דוד, לערן מיך וואַרפֿן אַ שטיין,
איידער די זון וועט פֿאַרגיין.

## אויף מײַן געסל

אויף מײַן געסל
וואַקסן ווענט אויף ווענט,
מיט וואָרצלען שטאָלענע אין זאַמד,
און פֿון די דעכער ביז די קעלערס
פֿון וועלט מיט פּלויטן אָפּגעצאַמט.
און די זון, ווי אַ הונט אַ געלער,
טעג ווי ביינער טרוקענע זי קײַט.

אויף מײַן געסל
וואַקסן נעכט ווי וואַסער־שוואָמען
און ניסים, ווי נעסטן אויףביימער,
דער שלאָף אַפּילו מיט פֿינגער לאַנגע,
ווי דער אשל־בוים אין מידבר,
שפּרייט און ציט זיך
ביז די געלטן פֿון אַברהמען.

אויף מײַן געסל —
די בלוילעך דעמער־בלום אין שויבן בליט
און פֿעטאָלן אירע וואַרפֿט
אויף די סטרונעס פֿון מײַן האַרף.
ווען דאָס אויג פֿון נאַכט ווערט גרויס —
נישט קיין וואָרצלען, נאָר פֿליגל,
דאָס האַרץ מײַנס, דאַרף.

## מעת־לעתן

מעת־לעתן
ווי פייגל
פון אָפּגעבערענטע נעסטן,
וואַנדערן
היימלאָזע
צו די וואַרעמע לענדער
פון נעכטנס,
און פאַלן מידע אַראָפּ
אויף וויספּעס פאַרגעסענע,
אין ימען פון צייַט.

## צפת

I

ס׳האָט אַ מולד־נאַכט דאָס אַלטע צפת
מיט מחנות לכה דודי־זינגענדיקע מקובלים
צו די הימלען אויפגעהויבן,
אַלץ העכער צו די ספערן,
אין ליכט־רינגען,
אין קרייזיקן געדריי,
אין חלל געטראָגן,
די שליאַכן און די שטעגן
צו די מזלותדיקע שטערן
געעפנט פאַר זיי.

שאָטנס בערדיקע,
קאַפּטאַנעס צעפּאָכעט אין געפלי.
העלדזער אויסגעשטרעקטע.
ספרים אין די אָרעמס,
אויף שפּיצן פון הר־כּנען,
די מרחקים נישטערן.
מיט רמזים די זעעוודיקע גליל־בערג
פון אתחלתא דגאולה פליסטערן.
אותיות שוואַרצע. צירופים פון גמטריות
מיט פּסוקים אין צעשמעלץ
דעם סוד הצמצום צו שפּאַלטן,
דעם קץ פון פּײַנען
און הריגות צו אַנטפּלעקן.

אַ בלייכע לבנה,
מיט אויגן עצבותדיקע פּײַכטע,
די שטערן לעצטע פֿאַרלעשט,
די נאַכט אויף איר וואַנדער־וועג באַגלייט
און די זאַטן פֿון זמרס
אויף די בלעטער
פֿון איילבירט־ביימער פֿאַרזייט.

II
אַ רויער, ניכטערער פֿאַרטאָג
האָט צו דער ערד דאָס אַלטע צפֿת אַראָפּגענידערט,
פֿון שלייערס טויִקע, אויסגעשיילט זי
און פֿון חלום דעם באַשייד
ביַי די ווינטן געפֿרעגט.

אַ פֿעלדזן־קאַסקאַד אין אַ ראָד,
ווי אַ גאַרטל אויסגעבונדן
אויף די לענדן פֿון דער שטאָט.
אויפֿן קאָפּ פֿון הר־כּנען — אַ וואַלד, אַ בלויער
אין מחשבות קאַלירטע פֿאַרזונקען.

געסלעך געקריַיזלטע, קרומע,
אויף באַרגיקע רוקנס, פֿאַרפּלאָנטערט און פֿאַרקנופּט.
שטיבלעך, ווי ים־אויערן פֿאַרמאַכטע.
טרעפּ ראָסטיקע, שטומע.

מיט ציין און טראַט פון דורות
צעגריזשעט און צעקאַרבט.

ווי שעפסן אייַנגעדרימלטע אין גראָז —
מצבות אויף בית־עולם דעם אַלטן אין טאָל.
אין חלב גרוילעכן — תפילות צעשמאָלצענע.
תחנונים פאַרגעלטע — שוואַלבן פון שטורעמס צעפליקטע,
אין שטיינערנע שפּאַלטן —
זיי צאַפּלען און ציטערן אין ווינט.

ערגעץ אונטער ווענט דאָ,
אין טאָרבעס מאַרמאָרנע באַהאַלטן
שלאָפט אַ וואונדער.
ערגעץ אויף די גרונטן
ליגט אַ שליסל
מיט אַ נס אַרומגעבונדן.

## בײַם טויער פֿון מעת־לעתן

בײַם טויער פֿון מעת־לעתן,
נאָך האַלבער נאַכט,
איך הער
פֿון רידלען,
רערן שטאָלענע
און טורבינען
דאָס געברום,
פֿון ערד
געשאָכטענער
דאָס געוויין.

פֿון אַש און קויל —
די זאַטן
מען זייט,
אויפֿגיין זאָלן
פּירות
פֿון שטיין.
די שוואָם,
די ווײַסע,
פֿון פֿאַרניכט
וואַקסן זאָל
אומעטום.

ווען יצירה פֿון פֿעלדער,
ווי ווײַן

פון לאָגלען צעשפּאָלטענע
רינט,
איך הער די טריט
פון יאָרן יונגע
וואָס ווילן נישט שטאַרבן.
ווי מחנות ווײַסע טויבן,
פון קברים
זיי פליִען אַרויס
און שלאָגן מיט שנאָבלען אין שויבן.

# ערב

אויף שקיעות וואַקסן שוואַרצע הערנער
און ראָזע פליגל אויף קאַיאָרן.
גאָלדיק רײַפן שוין די קערנער
אין די זאַנגען פונעם צאָרן.

די נעכט, קלײַבן אויף די שטערן,
ווי גראָשנס אויסגעשאָטענע,
און זיי קײַקלען די לבנה —
אַ פעסעלע מיט ווײַן, מיט רויטן —
צו די באָרוועסע קוואַרטאַלן
פאַר די שלאָפגייער אויף פלויטן.

ווי בוהײַען אויף אַרענעס
מיט די העלדזער פאַר קינזשאַלן,
וואַיען ווינטן אין די וועגעס
און דעם האָניק געזאַלצענעם טראָגן
צו די טויערן פון פאַרטאָגן.

## נישט דאָס ליד

ווי שיפֿן זינקען זונען
אויפֿן דנאָ פֿון דעמער
און לבֿנות — אין טײַכן פֿון פֿאַרטאָגן.
טעג, ווי סטאַדעס ווײַסע לעמער,
און נעכט, ווי מאָנאַכן שוואַרצע,
שלײַכן איינער נאָכן צווייטן
צום ראַנד גורלדיק געשמידט —
נאָר נישט דאָס ליד.

אַלע וואַסערן הייבן זיך צום הימל,
אויפֿסנײַ זיך אומצוקערן צו דער ערד.
אַלע פֿייגל פֿון די הימלען
אַראָפּצונידערן, אויך זיי באַשערט.
אַלע ביימער, גראָזן, בלומען
און מיר אַלע בײַם סוף
צוריק צו איר מיר קומען
מיט פֿאַרלוירענע, רוגזדיקע טריט —
נאָר נישט דאָס ליד.

## לידער ייִדישע

לידער מײַנע, ייִדישע —
קינדער פון זונען צעפּלאַצטע.
פײַער־בלומען אויף די צווײַגן
פון וויוּגעס אַרקטישע,
אין די פּאָלאַר־נעכט פון מײַן דור
מיט פולסן געהיימע
זיי שלאָגן
אין האַרץ, דאָס אייביקע
פון צײַט.

לידער מײַנע,
שטראַלן מיניִענדיקע,
אין האָריזאָנטן פון שקיעות
אין קנוילן זיך וויקלען
און מיט אַלע צאַפּלדיקע פאַרבן
צינדן זיך און לײַכטן,
ווי שטערן פאַרן שטאַרבן.

## ס׳איז אַלט די נאַכט

ס׳איז אַלט די נאַכט.
כּלי־זין פֿאַריתומטע ליגן —
אַ, קלעזמאָרימלער מײַנע,
די ציטרע נעמט, דעם פֿידל,
דעם באַס, די פֿלייט,
און שפּילט איר אויף אַ ניגון,
איידער זי פֿאַרגייט.

מישט דעם ווײַן אין ווענעס.
רײַסט די געלע בלעטער.
ס׳איז אַ ווינטל, אַ גרויהאַריקס,
אין ברוסט אַרײַנגעפֿלויגן
און מיט נעגל, ווי די שפּיזן,
די אַנטענעס דאָרט צעריסן.

אַ, קלעזמאָרימלער מײַנע,
שפּילט דער נאַכט אַ ניגון,
אַ יונגן ווי אַמאָל,
וואָס נישט פֿאַרברענען
און נישט דערשטיקן
אים זיי קענען.

## לידער ערשטע

די נאַכט — אַ שוואָם, אַ שוואַרצע
אין קאַיוטע.
כוואַליעס שפּרינגען אויפֿן דעק,
ווי נישטגוטע.
פֿון דער ווײַט — ניו־יאָרק
אין נעאָן־נעצן
אַ געפֿאַנגענע זיך וויגט.
אויפֿן דיל, אין אַ קאָרב
דאָס קלייד, מײַן נײַע,
וואָס געקויפֿט מען האָט אויף באָרג.
אין הענט —
אַ העפּטל מיט קנאָספּן ערשטע
אויף צווײַגן פֿון זאַווי.
זיי וועלן דאָרט מיר זײַן אַ האָרב.
יוגנט־ווייען אויף סטרונעס
שווינדזיכטיקע, הייסע,
זיך שיידן מוזן מיר אַצינד.
דעם ים זיי
איך פֿאַרטרוי.
ים. נאַכט און ווינט.
די כוואַליעס מיט בליקן
פֿון דער ווײַט איך מיש.
צום ברעג פֿון מאָרגנבלוי,
אפֿשר אַמאָל
זיי ברענגען וועלן די פֿיש.

## לאַמטערנעס אין ווינט

אין שפּעטער שעה,
ווען אין שליירס נאַכטיקע
אַן אייַנגעהילטע
עס שלאָפט די שטאָט
און די קראָ
אין האַרצן
מאַכט די אויגן
אירע צו,
אַ גיטאַרע,
אַ גאַרמאָשקע
מיט זמרס נישט־דערשפּילטע
איך הער
פון ערגעצוווּ.
ווי לאַמטערנעס
אין ווינטן
ביז אינדערפרי —
זיי לעשן זיך
און צינדן.

# דער ים

א

דער ים צופוסנס פון אשדוד —
אַן אַלטער, הונגעריקער הונט
אין שטיינערנעם שטײַג,
מיט געלע,
צעשפּאָלטענע ציין
ער קײַט
דעם געשטופּלטן,
ברוינעם ברעג,
ווי אַ ביין.

דער טאָג אויף זײַן האַלדז —
אַ קופּערנע קייט,
מיט אויערן אַראָפּגעלאָזטע
ער האָרכט
מיט זילזולדיקן שפּאָט
די צעמענטענע רייד
פון דער שטאָט.

ב

רײַטערס אין פאַנצערס פאַרשנייטע
אויף פײַער־פערד פלינקע
דעם ים מיט ריטער
מאַגנעטישע שמײַסן.
שטערן־שפיגלען אין געשפליטער,
טורעמס גלעזערנע
אין געיעג,
אין געשפרינג
און געקראַך.
וואַסער־ווענט
מיט וויכערס אין געשפאַן,
און די שיף,
אין אַ קרײַז,
אָ פאַרשלאָסענעם
געלאָזן.
אַ שיכורע לבנה —
אַצינד איר קאַפיטאַן,
און שטערן —
די מאַטראָסן.

ג

ס׳איז הײַנט דער ים אַראָפּ פֿון זינען.
אַ גאַנצע נאַכט, אַ צעיושעטער,
בערג געשלײַדערט
און צעשפּליטערט.
ביז באַגינען
מיט אַלע ווינטן זיך געריסן,
ווי שעפּסן אַ הונגעריקער לייב,
שטערן צעשראָקענע געיאָגט,
לבנות אין שלונדן,
ווי הירשן דערוואָרגענע געטראָגן,
ביז דער גרויסער בער
מיטן וואַסערטרעגער
פֿונעם מילכוועג,
געפּענטעט אים האָבן
אין אַן אײַזערנעם קאַמזויל.
אין שטײַג אַצינד —
מיט די ווײַסע דרימלענדיקע לעמער
אין אַ קנויל
אײַנגעוויקלט ליגט ער
און מיט זײַן אַלטן זמר
כליפּענדיק די ברעגן וויגט ער.

ד

ס׳קערט דער ים זיך אום צוריק
פון מרחקים ווײַטע,
ווי אַ זיגער פון שלאַכטן.
חיילות אין זילבערנע פּאַנצערס,
אין רייען לאַנגע ער פירט.
מטבעות גאָלדענע
און טראָפּייען
אויף זאַמדן ער צעשיט
און דער לבנה —
דער אייפערזיכטיקער,
וואָס פאַלט אים
אַ פאַרבענקטע צו די פיס,
פון נצחונות זײַנע
איר דערציילט ער
און מיט ווײַנען גרינע
פון אַלגישע טרויבן
די מרה־שחורה
אירע היילט ער.

ה

ווײַסע וואַסער־פֿידלען,
זילבערנע לבֿנה־סמיקן.
ווי אַ נבֿיא אַ פֿאַרשטעלטער,
גייט נאָך האַלבע נאַכט
פֿון ים אַרויס אַ ניגון.
ביז באַגינען אויף די פֿעלדער,
אויף די זאַמדן, אויף די שטיינער,
אַ געטובלטער, אַ ריינער,
אין אַנגסטיקן געפֿלאַטער,
ער וואַנדערט אַ צעברומטער,
און קיינער ווייסט נישט,
קיינער,
וועמען דאָ צו חלום קומט ער.

# בלינדע פאַרטאָגן

דונערס און רעגן.
ווענט נאָר אַנטקעגן.
רויכן און ווינטן.
פייַער פון פאָרנט,
תהומען פון הינטן.

וועגן צעדאָרנט.
הימלען צעשניטן.
מידבר אין מיטן.
בלינדע פאַרטאָגן
ערגעץ זיך יאָגן.
ווער ווייסט פון וואַנען,
ווער ווייסט וווּהין.
אין אויגן טומאַנען,
אין בלוט — אַ חמסין.

# אַזאַרט

אויף די עראָדראָמען פון ציַיט
מיר שטייען אַלע,
ווי הונגעריקע
אָרעמעליַיט —
און ביזן סוף,
האָפּערדיק,
מען וואַרט
אויף דער רויז
פון אַזאַרט.

## נאַכט אויף דער בינע

שוין לײדיק געוואָרן
דער זאַל
אין זכּרון.
נאַכט —
אויף דער בינע
אַוועק
די אַקטיאָרן
מיטגענומען
די שׂנאה.
די ליבע.
אין האַרץ איז געבליבן
דאָס נאָגן
טריבע
פון ניגון.

## די קאָסע

מען שנײַדט
די צײַטיקע זאַנגען,
דאָס גאָלד פֿון זומער
מען שערט —
בײַנאַנד
מיט דער ראָסע.

עפֿנט דאָס מויל
מיט הונגער אײביקן
די ערד
צו דאַנקען
דעם זילבערנעם בליץ
פֿון דער קאָסע.

## קינדהייט

פון פייַער־פעדעם
דאָס העמדל, דיין ערשטיקס,
געשטריקט.
דאָס וויגעלע,
צום הימל אָנגעבונדן,
פון ווינטן געוויגט.
אויף רעלסן פון באַנען
געלערנט דיך גיין.
צופוסנס פון וואולקאַנען
אינעם שליים פון לאַווע,
דייַן עפּל־בוים געשטאַנען
און געוואַרט —
אויף דער מוטער חוה.

# לאַר!

ווען
אויף דײַן טרער
מען וואַרט
און ווייסן נישט —
מען האָט בײַ דיר
שוין לאַנג
זי אויסגענאַרט —
לאַר!
צום געוויין
דורך געלעכטער
וועסט דערגיין.

# נעכט

א

ווי קלאָשאַרן
באַוואָקסענע,
היימלאָזע,
מידע —
זיי שלאָפֿן
אויף מײַן שוועל.

שטויב אין די אויגן
פֿון ווינטן און ווירוואַרן,
פֿון וועגן,
קיין מאָל נישט דעריאָגטע
אויף דער ערד.

גיטאַרעס אין די שויסן.
שטערן אויף די בערד,
און ניגונים אַלטע
ביז באַגינען
פֿון די סטרונעס
רינען.
רינען.

ב

נעכט, אין לאַנגע, שוואַרצע וואַלן
גייען אויף די וועגן פון זכּרון,
ווי אַלמנות נאָך אַן אָרון,
מיט דריבנע, שוועבנדיקע טריט
און פירן, ווי אַ ממזרל, אַ באָרוועסן —
מײַן ייִדיש ליד.
ווי אַ גאָלדענע גאָנדאָלע
די לבנה שווימט אַרום.
אויגן פון דערטרונקענע —
די שטערן אומעטום.

ג

קום, נאַכט,
לאָמיר צוויי געליבטע זײַן.
דאָס פֿײַער אין בלוט
זויג אויס.
דעם ווינט אין ברוסט
שטיל אײַן.
די זאַנגען שוואַרצע
אין זכּרון,
צעדרעש,
און לאָמיר פֿאָרן
דאָרט אַהין
ווו בלויער פונק
די וואָלקנס צעצינדט,
די צײַט שטעלט אָפּ,
און דו בלײַבסט יונג.

ד

ווי מײַן מאַמע,
הונגעריקע קינדער
אײַנצושטילן,
די נעבעך איך קנײַפּ
און פּלעקן רויטע
פֿון מײַן לעמפּל
איך לאָז
אויף זייער לײַב.

נעבעך, ווי רעפּטילן,
לויערדיקע,
לאַנגע,
מיט הויטן
געפּלעקטע
און אויגן וויִעלאָזע
צו זיך
מיך שמידן,
און וואַקסן
אין מיר אַרײַן,
ווי סטאַלאַגמיטן.

## רײַפֿקייט

אַנטקעגן אַלע מײַנע יאָרן
אויפֿן שוועל
פֿון אָוונטגאָלד
איך שטיי,
ווי דער פֿויער
אויף די פֿעלדער
נאָכן פֿאַרזיי.

געאַקערט כ׳האָב
געזייט,
געפּיעליעט
און געהיט
עס זאָל
דער קאָרן
רײַף זײַן
צום שניט.

## פאַר אַ טראָפּן גנאָד

פאַר אַ טראָפּן גנאָד —
אַ שטיין
וועסט בײַסן מיט די ציין,
קריכן אויף אַ דראָט
אין צעלן פינצטערע
מיט גראָבע ווענט,
ווי בערג, שטופּן טעג
מיט דײַנע הענט
אין דזשונגלס פּראַסטיקע,
נאַקעט הויל,
זיך וואַרעמען אין לײַב
פון אַ פּיסטויל.
גיין דעם לעצטן טראָט,
פאַר אַ טראָפּן גנאָד.

# אין אַ תּיבה

קום, עלנט,
לאָמיר ביידע זײַן אַ פּאָר,
איך און דו אין צווייען
לויטן נוסח פון מײַן דור, —
אין אַ תּיבה מיט גראָבע
גלעזערנע ווענט
אויף די טײַכן פון צײַט,
לאָמיר שווײַגנדיק שווימען,
קוקן דורך דער שויב
און וואַרטן
אויפן צווײַגל גרינעם
אין מויל פון דער טויב.

אַ געלײַטערטע,
אַ רײַפע, דײַן באַשערטע,
נדן דיר איך ברענג
פון ווײַסן וואָלענעם געוועב, —
די ווערטער
פון ווינד און וויי.
ווי פייגל אין שורות
אויסשטעלן וועל איך זיי
און שיקן דאָרט אַהין,
ווו דערגיין
נישט געקענט איך האָב אַליין.

# אַ געפֿאַנגענער טאָג

ס׳האָט אַ טאָג פֿון די הימלען, ווי אַ פֿאַקל,
די זון צו דער ערד אַראָפּגעטראָגן.
האַלדזבענדער, טורמאַלינען
און בורשטינען
אויףביימער אויפֿגעהאָנגען,
איטלעכן באַשאָף
די פֿאַרבן זײַנע
אומגעקערט,
ביז דער יורש
פֿון דער נאַכט
ס׳האָט דעריאָגט אים
און געפֿאַנגען.
מיט אויגן פֿאַרבונדענע,
ווי אַ פֿאַרמשפּטער אַצינד,
אַליין
ער גייט צום עשאַפֿאָט,
און מיט קללות אים באַגלייט
אַ בלינדע
פֿאַרמאַטערטע שטאָט.

## חצות

שאַרט דאָס חשבונות זיך אין הויפן
ווי אַ צויג מיט בויך מיט שווערן
און זוכט אַן אָרט, דאָרט צו גערבערן.
טיר און טויער צוגעריגלט.
נאָר דו, אין יִאוש אַ פאַרשפּאַרטער,
די לאָדנס עפן און זיך אַליין
„גוטמאָרגן" זאָג,
ווײַל דאָרט, אויף יענער זײַט פון נאַכט,
איז טאָג אַצינד.
לויטערדיק און לינד.

ווי ערד פון רעגנס יעדן טראָפּ,
דעם צײַט־געטריף אין זיך זאַפּ אײַן,
און בענטש איר ביטער־זיסע גאָב.
די נעט צעריסענע פון טעג פאַרניי
און דורך דעם וואָלקן־וועג
צו דער ליכט־קרוין פאַרנעפּלטער דערגיי.
אין דער פינצטער זענען קווייטן שוואַרץ
און דער הימל נידעריק און ענג.
די זון אַפילו, וואָס גלעט און קושט
דאָס מינדסטע גרעזל אויף דער ערד,
אין פײַערן אַליין צעריסן ווערט.

# דער עכאָ

ס׳האָט אַן אַלטער הונט
אויף דער קייט
אַרום זײַן בויד
אַ גאַנצע נאַכט
זיך איז אַ קרײַז
געדרייט
און מיט טריב געביל
אַ דיאַלאָג
מיט זײַן פֿרײַנד געפֿירט.

דאָס האַרץ געעפֿנט פֿאַר אים,
אַלע סודות אַנפֿאַרטרויט.
פֿון ווײַטן אים געגלעט
און ביז לעצטן שטערן־פֿאַל
נישט געוווּסט,
אַז מיט עכאָ
פֿון זײַן געביל
ער האָט אַ גאַנצע נאַכט גערעדט.

## אַ רויז

אַ רויז,אויף שטענגל שטאָלצן,
דעם סוד
וואָס די ערד איר האָט פאַרטרויט,
מיט ליפּן פאַרשלאָסענע
זי היט.
אין קרוג אין גלעזערנעם,
ווי אין אַ שטייג,
מיט ריחות אירע אַלע
און פאַרבן,
ביז לעצטער רגע בליט.
פאַרן שטאַרבן
דעם קאָפּ
זי לאָזט אַראָפּ
און עפנט ס׳האַרץ
פאַר מיר.
פּעטאַלן, ווי בלוט-טראָפּנס
פאַרקילטע,
פאַלן,
פאַלן.

## אַ טורטלטויב מיט אויגן רויט

ביי מײַן פענצטער אויף אַ בוים
אַ טורטלטויב מיט אויגן רויטע
אויף אַ צווײַגל זיצט.
ס'האָט אַ שפּאַרבער, האַלבע נאַכט,
טראָפּנס פון זײַן רויב
אין אויגן איר אַרײַנגעשפּריצט.
אָ, מײַן טויב,
דײַנע אויגן אויף מײַן שויב
לאָזן נישט צורו.
שוואַרצע פליגל. רויטע פלעקן
אויף די גאַסן פון מײַן לאַנד,
און דער טאָג
מיר גייט אַנטקעגן
מיט אַ מעסער אין זײַן האַנט.

## כוואַליעס

אַלע כוואַליעס
אין בלינדן,
אָין־סופיקן געיעג,
אין ווײַסן
שוימיקן געפּענט,
יאָגן זיך
צום ברעג.
איינע
די אַנדערע
צום פֿאַרלענד
זי טרײַבט.
צוריק
קומט קיינער.
נאָר דער ים,
אַליין, ער
אייביק בלײַבט.

## פרייד

ס׳האָט ליב די פרייד
ערלעכע רייד.
הויכע,
שטילע,
הייסע,
קילע.
קלוגע
און נאַרישע אַפילו.

ס׳האָט ליב די פרייד
פריליִנגדיקע אויגן.
נישט געקניט.
נישט געבויגן.
טאַנצן אין אַ ראָד
איבער דעכער
פון אַ שטאָט.

ס׳האָט ליב די פרייד
דעם זמר
אין אָרעמע שטיבער
ווען זאָרגן, ווי פייגל
זיך צעפליִען.
ווען דאָס האַרץ,
ווי וויַין אין כּוס,
מיט ליבשאַפט

גייט אַריבער
און אויף פֿנימער
הייבט ווידער אָן
דער יוגנט־בעז
צו בליִען.

## שוויַיגן

ווען צו קליין און שוואַך
דיַין וואָרט,
מיט צאָרן דיַינעם
צו זיַין געפּאָרט,
אַ שוויַיגן,
אַ סאַמעטענער,
געבאָרן ווערט.

אַ שוויַיגן,
ווי אַ וויַין
אַן אויסגעליַיטערטער
אין אַ פלאַש מיט סודות
אַ פאַרשפּאַרטער,
וואָס קוקט דיך אָן
און זאָגט:
„ער וועט קומען,
דער דערוואַרטער,
דער יום־טוב,
דיַין געגאַרטער".

# אַ פֿאַרטאָג אין פֿלאָרידאַ

אין פֿײַערן שוואַרצע
פֿון דער נאַכט,
אַ טאָג איז אַ נײַער
געבאָרן,
און קינדערלעך צוויי
מיט פּיסטוילן
האָבן די זון,
ווי אַ וווּנד
אויפֿן הימל געלאָזן.
אין שליימיקע קנוילן,
אַ טאָג, אַ דערשאָסענער,
ליגט שוין.
מיט פֿינגער,
די ימיקע גראָזן
ער גלעט נאָך,
און מיט בליקן
בײַם ים,
עפּעס
דאַכט זיך
ער בעט נאָך.

## אַ ווינטער־פֿאַרטאָג אין די בערג

א

אין אַ פֿאַנצער שטאָלענעם —
אַ פֿעלדזיקער ריז
דעם הימל אין צווייען צעשפּאַלט,
און די זון, ווי אויף אַ שפּיז,
אַ געפֿאַנגענע ער האַלט.

צופֿוסנס — אַ יונגער בערעזענער וואַלד
אין אַ פּראָסטיקן שבט אין דער פֿרי
שטייענדיק שלאָפֿט.
נאָר אַ נאַכט פֿון געפֿעכט —
צווייַגן צעבראָכענע,
און ביימער געשטעלט אויף די קני.

אַ שוואַלב אין אַ קרייַז,
אַ צעשראָקענע פֿליט,
און נעסט איר פֿאַרשאָטענע זוכט.
אַ שניי־מענטש מיט ברעמען פֿון קויל,
מיט אַ שטעקן אין האַנט
און אַ ליולקע אין מויל,
זייַן שלאָף, דעם וואַלדיקן, היט.

ב

פעלדזן־קעפּ ווי חתונה־געסט אָנגעשיכּורטע,
אין צעריסענע שלייערס,
אויף ברוסטן באַרגיקע דרימלען;
די זון, ווי אַ קלעזמער אַן אַלטער,
סטרונעס צעפּליקטע פאַרבינדט
און ניגון אֵין־סופיקער ווידער
אין שליימיקע שלונדן יצירהדיק רינט.

דערפער,ווי ניסלעך צעשפּאָלטענע, ברוינע,
צעשאָטענע ליגן אין טאָל
און רופן זיך טריב און אימהדיק איבער.
נעכט, מיט העלדזער פאַרפראָרענע, שטײַפע,
שלאָפן אין אָרונס פון קרישטאָל.
יונגע יאָדלעס צום פעלדזן־שטיין געשמידט,
די גרינע קרוינען ווי פאָנען
דעם פרילינג אַנטקעגן
פאַרעקשנט, אין פאַנצערס אײַזיקע טראָגן.

## פּירעניייען

אַ פאַרגליווערטער ים פון גראַניט.
כוואַליעס פאַרשטיינערט אין געיעג.
צייַט, ווי אַ פאַסיל אין זיך אַליין,
פאַרוויקלט און פאַרמאַכט.
אויגן, מיט ווײַעס ברוינע פון מאָך,
קוקן פון באַרגיקע טיפן
יעדן פאַרבייַגייער נאָך.
מיט אויערן פעלדזיקע,
אין באַרג־ריפּן באַהאַלטענע,
ווי מיט ראַדאַרס,
זיי פאַנגען יעדן שאָרך.

לייטערס צום הימל
אָנגעשפּאַרטע,
און טעג
אין כאַלאַטן ווייַסע
גייען אַרויף און אַראָפּ
און טראָגן אין ערדענע טעפּ
פון אורטרויבן די וויַינען
פאַר שטערן אין טאָלן געפאַלענע,
פאַר ווינטן, —
פאַרבלאָנדזשעטע אין וועג.

# אויף אַ באַרג

אויף אַ באַרג
שטייט אַ שטוב
מיט אַ דאַך פון קאָרן,
און ציגעלער שלאָפן
אין אַ גרוב,
שוין אַזוי פיל יאָרן.
שוין אַזוי פיל יאָרן.

אין אַ טאָל
שטייט אַ בוים
מיט ווײַנעדיקע בלעטער
און נאָר צו שטערן
אינעם רוים,
פון זײַן גורל רעדט ער.
פון זײַן גורל רעדט ער.

## מבול פון זאַמד

ס׳איז דער מידבר פון מידבר אַרויס
און מיט זאַמדן אַ מבול
די קנאָספּן, די יונגע
פון חלום באַפאַלן.
פאַרזשאַווערט
און צאַניק
דער טאָג
אויף דײַן שוועל.
זויער דאָס ברויט,
ביטער דער האָניק,
זאַמד אין די אויגן.
זאַמד אויפן גומען,
זאַמד אין דײַן קול.

וועט קומען אַ שטורעם,
וועט קומען אַ רעגן,
איידער פאַרשאָטן
עס ווערן די וועגן,
איידער די צוויטן
אין גערטנער פאַרוויאַנען,
איידער די פייגל
צעפליִען פון דאַנען.

## עפּל ציַיטיקע

נאָך אַלע שטורעמס
אויף די שטיגן
פון פאַלן
און פון שטײַגן,
טעג מײַנע —
עפּל ציַיטיקע,
אויף די צווײַגן
צעבויגענע
פון צײַט.

## טעג

### א

טעג, ווי ווײַסע, שווימענדיקע שוואַנען
מיט שלום־בשׂורות צו די פליגל צוגעבונדן —
קומען איינער נאָכן צווייטן און פאַרשווינדן.
קיינער ווייסט וווּהין. קיינער ווייסט פון וואַנען.
נאָר מײַן חלום גרינט צופוסנס פון ווולקאַנען,
און עפענען עס קאָן זיך באַלט אַ קראַטער
און פאַריאָגן אַלע פרילינג־געסט פון דאַנען.

אָ, טעג מײַנע, פרישע, פעכלדיקע וואַסערפאַלן,
אויף שפּיצן־פינגער אויסגעצויגן סטרונעס,
איך שוועב אין אײַער קרײַז, ווי אַ סאַפּיר,
אין ווײַסע ווײַטקייטן איך ווער פאַרפאַלן
און בלאָנקע אום דאָרט, זינגענדיק און זוניק,
ביז דעם אָטעם פון באַגינען איך דערשפּיר.

ב

טעג ווי טרויבן ציִיטיקע,
אויף שטענגלעך
נידעריקע,
נאָענט צו דער ערד.
אין נעצן
געפֿאַנגענע
זיי ליגן,
און קאַרשונעס
מיט שנאָבלען
שפּיזיקע
פּיקן.

ג

פאַראַנען טעג,
ווען אונטער דיר
די ערד זיך וויגט.
דער הימל, ווי אַ היטל
אויפן קאָפּ פון אַ שיכּור ליגט.
אויף אַ שיף, דוכט זיך,
שטייסט, צום ברעג געווענדט.
אויסשטרעקן פּלוצים
עס ווילט זיך דיר די הענט,
דער וועלט
אַ פאַל טאָן אויפן האַלדז
און בײַם צעשייד
איר זאָגן אַלץ.

נאָר דײַן שיף
זיך שאַרט אַרויס פון
פּאָרט.
ווי אַ מעסערל אַ קאַלטס
אין האַרצן טיף,
פירסט אַוועק
דאָס לעצטע וואָרט.

# אײַנגעשלאָפֿן

װי אַ קינד אין מיטן שפּיל,
אײַנגעשלאָפֿן ביסטו אױפֿן דיל.
דײַן קאָפּ — אַ נעסט,
שװאַלבן בלױ און גרױ.
אַזױ פֿיל מאָל
געזען כ׳האָב דיך אַזױ.

אױפֿן טיש נאַרציזן,
די קעפּ אַראָפּגעלאָזט.
זײ װײסן שױן:
קומען װעט מען באַלד
אין מלכות פֿון דער אײביקײט,
דײַן שלאָף פֿאַרשליסן.

און איך —
בײַ דײַן צוקאָפּנס,
װי אַ מצבֿה,
איך װעל שטײן,
מקנא זײַן די ערד,
װאָס אײביק דיך
טראָגן איז באַשערט.

## אומדערוואַרט

אומדערוואַרט, אין מיטן וועג,
דיַין אָטעם איך דערשפיר.
כ׳בליַיב שטיין פאַרגאַפט
און שטילערהייט איך פרעג:
דאָס ביסטו?
האָט דיַין האַרץ אַצינד
אַ שלאָג געטאָן צו מיר
פון ערגעץ ווו?

ווען דיַין געשטאַלט,
פון וועלטן וויַיטע,
פלוצים מיך דעריאָגט,
די אויגן איך מאַך צו
און צו זיך אַליין
איך זאָג:
דאָס ביסטו.
ס׳האָט האַנט,
דיַין גראָזיקע,
מיַין ליַיב אַצינד
געגלעט.
דאָס האָסטו פון
דאָרט —
צו מיר גערעדט.

## דער ברונעם

ס׳איז אַ ברונעם דאָרט
געווען אַמאָל.
פון מידבר־אויג
פאַרהוילן און פאַרזיגלט.
דעם וועג אַהין באַטראָטן
עס האָט קיינער.
ס׳האָט לבנה נאָר
בייַנאַכט זיך דאָרט געשפּיגלט
און די זון בייַטאָג געבאָדן
ס׳האָט איינער נאָר
דעם וועג צו אים געוווּסט.
געקומען,
אַרייַנגעוואָרפן שטיינער,
און דעם ברונעם
פאַרשאָטן אין ברוסט.

## פײַער־בינען

פײַער־בינען — דײַנע בליקן,
דעם אָנזאָג פון שׂרפות
זיי ברענגען.
אויף שפּענדלעך די נעכט
זיי צעהאַקן
און צעשפּליטערן,
נאָר פּאַר אַ שפּיגל,
זיי ציטערן.

## רויזן פאַר מײַן מאַמען

האָסט, מאַמע מײַנע,
קיין מאָל נישט געלאַכט.
כ׳האָב אַמאָל,
צו דײַן געבורטסטאָג,
רויזן
דיר געבראַכט,
אַ שמייכל
אויף דײַן פּנים
פֿאַרזייען
געמיינט.
נאָר דו האָסט ווי אַ קינד
זיך גאָר צעוויינט.
דײַן טרער
מיך אומעטום באַגלייט.
איך הער נאָר אַלץ,
איך הער דײַנע רייד: —
„וואָס טויג, מײַן קינד,
אַ רויטע רויז
אין אַ פּוסטער קעלער־הויז?״

## אין דײַנע אויגן

אין דײַנע אויגן
אַזוי פיל
לענדער
און אין זיי
פון אַלע וועגן
פרעמדע
אַ פאַרגליווערטער
געשריי.

## דיַין געשטאַלט

אַ כוואַליע בלוי —
דיַין געשטאַלט,
און ס׳דרינגט
דיין בליק
אין מיר
אַריַין
ווי דער פּרילינג
אין אַ וואַלד.

## אין מײַן זכּרון

אין מײַן זכּרון,
ווי אויף דער אויבערפלאַך
פון דעם ים־המלח,
שוין אַזוי פיל יאָרן
שווימסט אַרום פּאַמעלעך.
ווי דורך גרענעצן
פרעמדע בײַנאַכט
דײַן בליק
איך קריך פאַרבײַ,
נאָר ווען איך הער
דאָס געוויין
פון דײַן שאָטן
אין מײַן שויס
איך קער צוריק זיך אום
מיט אַ שטיין
און מיט אַ רויז.

## מײַן פֿאַרלוירענער ניגון

אויף די אַקסלען פֿון בערג,
בײַם טײַך פֿון צעגאַנגענעם בלאָ,
וווּ נעכט די מאַסקעס צעהענגען
אויף די קעפּ פֿון גראַניט,
און קיין לייטער צו סודות
איז מער שוין נישטאָ —
פּאָר וואָלקנס פֿאַרליבטע צוויי
איך האָב געקניט.

מיט געזאַנגען געהיימע
ס'האָבן ראָזעווע גופֿן
זײַדענע שירעמס געעפֿנט
און גענידערט צו דער ערד.
מיט אַ קופּערנעם קול
ס'האָט אַ באַרג מיט אַ באַרג
זיך איבערגערופֿן,
און אַ פֿעלדזיק אויג
איבער מיר האָט געטרערט.

אַ ווינטל אַ יונגס
האָט אותיות פּירקאַנטיקע
אין טאָג אויף די פֿליינען געשריבן,
און איך האָב פֿון בענקשאַפֿט געשריגן,
וואָרצלען מיט נעגל געריסן,
ווי אַ מענטש פֿון אוראַלט,

שטיין אין שטיין געריבן
אין פונקען
אַ בליץ טאָן פאַר מיר
עס זאָל דײַן געשטאַלט.

ווי געפאַנגענע ראָבן, די גראַטעס פון שטײַגן,
יסורים דאָס האַרץ מײַנס פליקן.
איך וועל מיט ליבשאַפט זיי טראָגן און שווײַגן.
ווו ביסטו אַצינד, מיין פאַרלאָרענער ניגון.

## ערגעצווי

אַקרע, פֿאַרשטשעמעטע ווענט,
חתימות פֿון אויסגעמעקטע נעבעכנס.
אַ שווער, מאָכיק שווײַגן
אין שפּיגל — שפּליטערס פֿון צײַט.

אַלע שטיבער ליידיק.
נאָר ערגעצווי באַהאַלטן
ליגט אַ ווייטיק,
אַ פֿאַרקנוילטער
אין די שפּאַלטן.
ערגעצווי, דאָ ליגט אַ פּיין,
אַן אײן־סופֿיקער, פֿאַרמויערט.
אין שפּאַרונעס אַ פֿאַרשפּאַרטער
מיט אויג ער לויערט.
אויף עמעצן דאָ וואַרט ער.

# פון פרי־געזאנג

## אַ בריוו

אַ גאַנצע נאַכט אויף מײַן געלעגער
איך גיי אַרום ווי אַ בריוון־טרעגער
איבער געסלעך פון זכּרון,
איבער שטעטלעך פון תּעניתים,
איבער פעלדער, איבער וועגן,
בײַ די טײַכן פון פאַרגעס,
ווו ס'פאַרן פערד און וואָגנס צו די מערק,
און איך הער נישט אויף צו פרעגן
ווער פון זיי עס האָט געהערט,
ווער פון זיי עס האָט געזען
מײַן זיידן דעם בעל־נס,
די אָבות מײַנע, פאַסטעכער די קלוגע,
מיט טשערעדעס וואָס דרימלען
בײַ די צעלטן פון תּנ״ך,
די שוועסטער מיט קרוגן אויף די קעפּ,
די באָבעס וואָס זוכן דעם גייער אויפן שליאַך.
איך האָב פאַר זיי אַ בריוו, פון אַלטן נע־ונד,
וואָס אַלע שיקן אָפּ צוריק.
קוקן זיי פאַרוווּנדערט און ס'ענטפערט יעדער איינער:
„אויף דעם אַדרעס, נישטאָ,
נישטאָ שוין קיינער, קיינער.
נישטאָ קיין פאַסטעכער מיט פלייטן,
נאָר בלינדע בעטלער מיט טאַמבורן
און זעלנער מיט טראָמפּייטן״.

אַ גאַנצע נאַכט אויף מײַן געלעגער,
איך גיי אַרום ווי אַ בריוון־טרעגער
מיט אַן אַלטן וואַנדער־בריוו,
וואָס אַלע שיקן אָפּ צוריק.

## אַ פֿאַרטאָג אין ניו־יאָרק

אַ פֿאַרטאָג ווי אַ שאָכטיאָר
מיט אַ לעמפּל אויפֿן שטערן
די נאַכט אויף שטיקער צעשפּאַלט
אויף די ברוקן פֿון ניו־יאָרק,
און ס׳פּירט דער האָדסאָן
אויף באַרזשעס גאָלדענע
די בערג מיט חלומות אַוועק.

וואָלקנקראַצערס, ווי קאַסטנס
פֿאַרהאַקטע פֿון אַ מאָרג,
די טעג געשטאָרבענע היטן.

מיט קראַטער־געבראַזג
פֿון ווולקאַנען
זיך וועקט פֿון שלאָף
דער וואַלד פֿון שטאָל.

ווי אַ הירש מיט הערנער פֿײַערדיקע
צווישן באַרג־ריפּן
קלעטערט די זון
אויף די ווענט פֿון דער שטאָט
און מיט איר ליכט־פּענדזל
בילדער דאָרט
פֿון מאָרגנס נעכטיקע
זי מאָלט.

מחנות אויף די גאַסן
לויפן שוין און טראָגן
די לאָגלען מיט ווייַן
צום גאָט פון גאָלד.

## ניו־יאָרק נאָך דער אַרבעט

גאַסן וויגן זיך ווי בריקן.
מענטשן שמעלצן זיך צונויף.
טרוימען שפּיגלען זיך אין בליקן,
די נאַכט איז יעדן אַ בעל־חוב.

ס׳לאָזט אַ מענטש אויף די מאַשינען
אַ פּענעץ טאָג אין יעדן שטאָך.
וויל ער איצט אין נאַכט געפינען
די טעג צעשווירענע פון וואָך.

שטראָמען כוואַליעס אויף די ראָגן.
וויקלען מענטשן זיך אין קנוילן.
זוכן אויגן די פּאַרטאָגן,
פון אַ לעבן, פון אַ הוילן.

פּאָכען הײַזער מיט די טירן.
ברענט אויף שטאָט אַ פײַער־קרוין
און די לבנה גייט שפּאַצירן
אין שוואַרצאַפּלען פון המון.

שטעפּן זוילן אויס אויף ברוקן
שוואַרצע שטער אויף ווײַסן שניי.
שפּאַנט די נאַכט אויף רונדע רוקנס
און בטחון צווישן זיי.

עס ווינקט דער הימל אין די הייכן
און ס׳ווירבלט גאַס ווי אַ טייפון.
ווער עס וויל דעם טאָג דערגרייכן,
זוכט בײַנאַכט די העלע זון.

## אין מאַרסיי

די לבנה גייט מיט מיר שפּאַצירן
אויף אָקרע, געזאַלצענע גאַסן פון מאַרסיי, —
איך לאָז זי גיין פאָרויס און מיך פירן.
אונטער איר, ווי אַ שאָטן שווייַגנדיק, איך גיי.
שיפן רעדן צווישן זיך אין פּאָרט.
פישער, ווי פיש געפּאַנגענע, אַליין
אין נעצן אויסגעשפּרייטע ליגן
און צירעווען די לעבער מיט אַ ניגון.
שיכּורע מאַטראָסן מיט ווייַן אין בערעטן,
לחיים טרינקען מיט לאַמטערנעס אויפן ברעג,
און די לבנה גייט נאָך אַלץ מיט מיר שפּאַצירן
אין אַ פרעמדער, שלאָפלאָזער שטאָט.
זי ציילט אַלע צוגעמאַכטע טירן
און רוימט אין אויער מיר אַרייַן אַ סוד:
„איך האָב ווי דו קיין היים
אין ערגעץ קיין מאָל נישט געהאַט,
זייַן מיר ווועלן ביידע שוין
אייביק נע־ונד״.

## אַ פֿאַרנאַכט אין כאָפּיי

אַ פֿאַרנאַכט מיט ריחות פֿון געווירצן, לאָטאָס און יאַסמין
שאַרט פֿון מערבֿ־בערג אַראָפּ זיך צו כאָפּיי,
נאָר גאַסן צאַפּלען מיט אַ וואַכקייט פֿון באַגין,
ווי די צײַט פֿאַרגעסן וואָלט אין זיי.
סקווערן הוידען און וויגן זיך ווי שיפֿן,
רעדער וואַלגערן די וועגן מיט באַלאַד,
קוימענס שרײַבן אויפֿן הימל העראָגליפֿן
און אַ ווינטל דרייט אַרום זיך אין אַ ראָד
מיט אַ זמר שפּאָגל־נײַ: —
יאַהיי! יאַהיי!

פֿון אַ טעמפּל־דאַך אַ רויטן מיט פֿאַרזשאַווערטע דראַקאָנען,
אין טײַך אַרײַנגעפֿאַלן איז די זון.
פֿון אַ פֿעלדזן־קאָפּ אַ בלויען, מיט סעדער ווי באַלקאָנען,
קוקט אַראָפּ אַ פֿאַרחלומטער לו־סון.
לאַכט די שטאָט אין פֿײַער־קרײַזן,
מײַלער אָפֿן — פּורפּור רויט,
טאַנצן רויכן אויף אַ וואָלקנדל אַ ווײַסן
און קינדער פּאָכען מיט די הענטלעך אויף אַ פּלויט
צו אַ באַן, וואָס פֿאָרט פֿאַרבײַ:
יאַהיי! יאַהיי!

ס'האָט דעם מילך־שליאַך ווער צו דר'ערד אַראָפּגעצויגן
און צעשמאָלצן אין די אייוועלער פֿון שטאָל,
קוקט די נאַכט מיט שוואַרצע שטיפֿערישע אויגן,

ווי עס באָדן זיך לבנות אינעם טאָל,
ווּ טעכטער פלאַסטערן צעפּיבערטע אַ וועג,
אויף דעם אַלטן, דעם צעגראָבענעם שאָסיי
און לאָזן זינגענדיק אויף שטיין אַראָפּ די העק
מיט אַ ניגון שפּאָגל ניי: —
יאַהיי! יאַהיי!

## אַלע ברעגן ווילן רו

מזרח, מערב, דרום, צפון —
אַלע שטעט און דערפער שלאָפן.
אַלטע בערג אויף ברעגן ליגן
און דעם ים דעם בלויען וויגן.

איַי לו, לו, לו, איַי, לו, לו,
אלע ברעגן ווילן רו.

ניס, מאָנאַקאָ, מאַנטאָן, ביִאָט
דרעמלען וויַיסע אין אַ ראָד,
נאָר ריוויערעס מזל-מאַרק
ווינקט און רופט צו זיי פון באַרג.

רונדע בריקן — פערל שנורן,
ווילדע, פעלדזיקע קאָנטורן,
וויַיסע טעמפּלען, שוואַרצע שוועלן
שפּיגלען זיך אין קלאָרע וועלן.

שלאַנקע פּאַלמעס ווי זשיראַפן,
שלייַכן שאָטנס אויפֿן האַפן.
אויף די שווערע שפּיזן-בלעטער
ליגט נאָך שטויב פון אַלטע געטער.

רויטע לבנה — לאָגל וויַין,
קום איך וועל דייַן בעכער זיַין!

אַלע ווײַנען פֿון די גיטער
וועלן טרינקען מײַנע ברידער.

ערגעץ פֿאַלן שטערן ווידער.
ס׳לעקט די שטילקייט מײַנע גלידער,
און פֿון ים אַ ווינט אַ פֿרישער
ברענגט אַ ליד מיר פֿון אַ פֿישער.

גייען צוויי מיט איין שאָטן,
האַלבע נאַכט צום ים זיך באָדן.
צוגעטוליעט איינס צום צווייטן
און די לבנה צווישן ביידן.

אײַ לו, לו, לו, אײַ, לו, לו,
אַלע שוועלן ווילן רו.

נאָר דער ים ער קאָן נישט שלאָפֿן,
ועמען וויל ער הײַנט באַשטראָפֿן?
אוי, דו ים, שטילער שטיל,
וואָס טויג ברומען אָן אַ ציל?

אײַ לו, לו, לו, אײַ, לו, לו,
אַלע שטעט, אַלע דערפֿער ווילן רו.

## אין דער פרי

אַ בראַנדזוענער באַגין מיט מאַסטן פון קרישטאָל
שווימט פון רוים צעכוואַליעטן אַרויס,
לאָזט די אַנקערס אַראָפּ,
דעם שטריקלייטער אויף אָקסנאַויג רויטן פאַרוואַרפט.
ערגעץ ווײַט
הענגט מען אויפן הימל פריש געפּאַרבטע ראָלן זײַד.
אַ שער, אַ זילבערנע, ראָל נאָך ראָל
אויף פּאַסן דינע זיי צעשערט
און שלײַדערט צו דער ערד.

אַ גאַנצע נאַכט
דעם שליסל־קלאַנג פון שלאַקסן כ׳האָב געהערט.
ס׳האָט דער וואַסערווינט זײַן זאָט אין פינצטערניש געזייט,
וועלן מאָרגן נײַע רעגנס וואַקסן.

דער הימל — אַ פעלד
מיט סנאָפּעס זוניקע אין גאָלדענעם צעבינד.
אייביקייט אין זוניק זאַנגיקן געדרעש,
איך בין אַ פינטל פון דײַן אויג,
און דאָך אַן אייביקייט איך בין אַליין אַצינד.
אויף די ברעגן פון מײַן האַרצן
זינגען מיידלעך יונג־פאַרליבטע בײַם געוועש.
אין מײַנע אויגן פירן פּאַסטעכער טשערעדעס צום פעלד.

גוטמאָרגן דיר, בראַנדזענער, יונגער אין דער פֿרי
מיט אויפֿגעוואַכטן שטאָטישן געליאַרעם,
מיט טריט מיליאָניקע, ווי וואַסערפֿאַלן פֿרישע אויפֿן ברוק,
וואָס טראָגן שוין דעם שווייס און מי
צום שפּע־פּאָרט פֿון לעבן.
אָ, איר אויגן ערלעכע,
ווי די ווערבע פֿאַרליבטע אין טײַך,
איך שפּיגל זיך אין אײַך.

# אַ ניגון

ניִשט קיין זילבערנע דוקאַטן,
ניִשט קיין זעלטענע אַנטיקן
כהאָב געירשנט פון מײַן טאַטן,
נאָר אַן אַלטן, אײַנגעשפּאַרטן ניגון.

ס'איז ניִשט גלאַט אַזוי אַ ניגון
פון אַ בעטלער אויף די ראָגן.
ווו איך הער מײַן ברודער זיגן,
האָט זײַן פאָלק אים דאָרט געטראָגן.

ס'האָט מײַן טאַטע מיר פאַרטרויט; —
ער האָט דורך קראַטעס אים געהערט.
אַ פאַרמשפּטער צום טויט
געלאָזט האָט אים אויף דר'ערד.

מיט מײַן שטילער יונגער מאַמען
ער האָט אין געטאָ זיך צעשיידט,
און פון יעדן הויז אין פלאַמען
די לעצטע קויל באַגלייט.

ביז בערלין איז ער געלאָפן
מיט מײַן ברודער דעם סאָלדאַט,
ס'האָט אַ קויל אים דאָרט געטראָפן,
נאָר דעם ניגון ניִשט געשאַדט.

מיט מייַן ווייַסן עלטער־זיידן
ער האָט דורך לענדער זיך געשלעפּט,
אויף מייַן זיידן וואַקסן לאַנג שוין קווייטן,
נאָר דער אַלטער ניגון לעבט.

## אין דער זאַמלונג:


שעפסן . . . 7
דער אשל־בוים . . . 8
בן־אדם . . . 9
אַ שטיין . . . 11
מייַן שטאָט . . . 12
לערן מיך וואַרפן אַ שטיין . . . 13
אויף מייַן געסל . . . 14
מעת־לעתן . . . 15
צפת I—II . . . 16
בייַם טויער פון מעת־לעתן . . . 19
ערב . . . 21
נישט דאָס ליד . . . 22
לידער ייִדישע . . . 23
ס'איז אַלט די נאַכט . . . 24
לידער ערשטע . . . 25
לאַמטערנעס אין ווינט . . . 26
דער ים א. ב. ג. ד. ה. . . . 27
בלינדע פאַרטאָגן . . . 32
אַזאַרט . . . 33
נאַכט אויף דער בינע . . . 34
די קאָסע . . . 35
קינדהייט . . . 36
לאַך . . . 37
נעכט א. ב. ג. ד. . . . 38
רייַפקייט . . . 42
פאַר אַ טראָפּן גנאָד . . . 43
אין אַ תיבה . . . 44
אַ געפאַנגענער טאָג . . . 45
חצות . . . 46
דער עכאָ . . . 47
אַ רויז . . . 48

אַ טורטלטויב מיט אויגן רויט . . . . . . 49
כוואַליעס . . . . . . . . . 50
פרייד . . . . . . . . . . 51
שווייַגן . . . . . . . . . . 53
אַ פֿאַרטאָג אין פלאָרידאַ . . . . . . . 54
אַ ווינטער־פֿאַרטאָג אין די בערג — א. ב. . . . . 55
פירעניייען . . . . . . . . . 57
אויף אַ באַרג . . . . . . . . 58
מבול פון זאַמד . . . . . . . . 59
עפּל צייטיקע . . . . . . . . 60
טעג — א. ב. ג. . . . . . . . 61
איינגעשלאָפן . . . . . . . . 64
אומדערוואַרט . . . . . . . . 65
דער ברונעם . . . . . . . . 66
פייַער־בינען . . . . . . . . 67
רויזן פאַר מייַן מאַמען . . . . . . 68
אין דייַנע אויגן . . . . . . . . 69
דייַן געשטאַלט . . . . . . . . 70
אין מייַן זכרון . . . . . . . . 71
מייַן פאַרלוירענער ניגון . . . . . . 72
ערגעצוווּ . . . . . . . . . 74

## פון פרי־געזאַנג

אַ בריוו . . . . . . . . . 77
אַ פֿאַרטאָג אין ניו־יאָרק . . . . . . 79
ניו־יאָרק נאָך דער אַרבעט . . . . . . 81
אין מאַרסיי . . . . . . . . . 83
אַ פאַרנאַכט אין כאַפּיי . . . . . . 84
אַלע ברעגן ווילן רו . . . . . . . 86
אין דער פרי . . . . . . . . 88
אַ ניגון . . . . . . . . . 90

## ביכער פון דאָרע טייטלבוים

**אין מיטן וועלט**, לידער
איקוף־פאַרלאַג, נוי־יאָרק, 1944

**הימל און ערד**, לידער
יידישער ליטעראַר־קלוב פון אַמעריקע, ניו־יאָרק, 1947

**מיטן פנים צום לעבן**, רײַזע־אײַנדרוקן
פאַרלאַג „אויפסניי״, פּאַריז, 1952

**מיט אויגן אָפענע**, לידער
בוענאָס־איירעס, 1955

**די באַלאַדע פון ליטל־ראָק**
פאַרלאַג „אויפסניי״, פּאַריז, 1959

איבערזעצט אין רוסיש פון שמואל האַלקין און י. גורעוויטש
פאַרלאַג פאַר אויסלענדישער ליטעראַטור, מאָסקווע, 1960

אין פראַנצייזיש — פון שאַרל דאָבזשינסקי
פאַרלאַג אַרמאַנד ענעז, ליאָן, 1961

אָראַטאָריע אויף דער „באַלאַדע פון ליטל־ראָק״
פון קאָמפּאָזיטאָר אַנאַטאָלי בימשקאָוו, אלמא־אטא, 1965

**LE VENT ME PARLE YIDISH**

פון ייִדיש: **שאַרל דאָבזשינסקי**
פאַרלאַג פּיער סעגערס, פּאַריז, 1964

**אויפן וועג צום מענטש**, לידער
פאַרלאַג „ייִדיש־בוך״, ווארשע, 1965

**VOYAGE EN ISRAEL**

פאַרלאַג „אייראָפּע״, פּאַריז, 1967

**מכמרות בטרם שחר**, לידער
פון ייִדיש: **אברהם שלונסקי**
פאַרלאַג „ספרית פועלים״, תל־אביב, 1973

**געזאַנג פון זינקזאַמד דור**, לידער
פאַרלאַג „ישראל־בוך״, תל־אביב, 1973

# פאַרלאַג „ישׂראל־בוך"

אריה שמרי / וואָרצלען, אַנטאָלאָגיע פון ייִדיש־שאַפן אין ישׂראל
ישעיהו שפּיגל / פלאַמען פון דער ערד, ראָמאַן
רחל פישמאַן / דערנער נאָכן רעגן, לידער
מאַרגאַרעט לאַרקין / די זעקס טעג פון יד מרדכי, ייִדיש — ד. שטאָקפיש
רפאל מאַהלער / היסטאָריקער און וועגווײַזער, עסייען
רבקה באַסמאַן / בלעטער פון וועגן, לידער
ריקודה פּאָטאַש / אין געסלעך פון ירושלים, דערציילונגען
יעקב צבי שאַרגעל / זוניקע שוועלן, לידער
משה שולשטיין / איבער די דעכער פון פּאַריז, דערציילונגען
אריה שמרי / דאָס ייִנגל פון דיזשאַן, פּאָעמע, צייכענונגען יואב שועלי
רפאל מאַהלער / ספר סאַניק, היסטאָרישע מאָנאָגראַפיעס, זכרונות און גביות־עדות
משה גראָסמאַן / שטויב און אייביקייט, דערציילונגען און מיניאַטורן
אריה שמרי / געזאַנגען אין שײַער, לידער און פּאָעמעס
מנוחה ראַם / אָרום דער ווערבע, דערציילונגען
משה זאַלצמאַן / ... און מען האָט מיך רעהאַביליטירט
איבערלעבונגען פון אַ ייִדישן קאָמוניסט אין ראַטנפאַרבאַנד
אברהם שלאָנסקי / לידער, אָפּקלײַב פון א. שלאָנסקיס פּאָעטישער שאַפונג
ייִדיש — משה יונגמאַן
משה גראָס־צימערמאַן / דאָס וואָרט וואָס מיר שרײַבן, עסייען און פּראָפילן
רבקה באַסמאַן / ליכטיקע שטיינער, לידער
ביילע שעכטער־גאָטעסמאַן / סטעזשקעס צווישן מויערן, לידער
מלכּה חפץ־טוזמאַן / בלעטער פאַלן ניט, לידער
ב. דעמבלין / טאָפּלבאַנד: אַ פרעמדע וועלט; אין נײַעם לאַנד, ראָמאַנען
ישעיהו שפּיגל / די קרוין, דערציילונגען
משה יונגמאַן / רעגן־בויגן צוקאָפּנס, לידער
דאַרע טייטלבוים / געזאַנג פון זינקזאַמד דור, לידער און פּאָעמעס
יעקב צבי שאַרגעל / טויערן אין די בערג, לידער
נח גריס / פון פינצטערניש צו ליכט, עסייען וועגן ישעיהו שפּיגל
אליעזר קופּערמאַן / פון וועלט צו וועלט, דערציילונגען
משה זלצמן / וזכיתי לריהאביליטציה, מייִדיש — גרשון לימור
מלכּה חפץ־טוזמאַן / אונטער דײַן צייכן, לידער
רחל אויערבאַך / וואַרשעווער צוואָות, וואַרשע 1933—1943
יעקב פרידמאַן / לידער און פּאָעמעס, דרײַ בענד
מיט אַ באַגלייטוואָרט פון פּראָפ. יודל מאַרק
מאיר חרץ / לידער צו אייגענע, לידער און פּאָעמעס
אריה שמרי / רינגען אין שטאָם, לידער און פּאָעמעס, צייכענונגען — ב ע ן
יעקב י. מײַטליס / אין גאַנג פון דורות, עסייען
יהודה לייב טעלער / דורך ייִדישן געמיט, לידער
מיט אַ באַגלייטוואָרט פון אריה שמרי

ישעיהו שפּיגל / שטערן ליַיכטן אין תהום, געזאַמלטע דערציילונגען — 1940־1944
צוויי בענד. שער־בלאַט, פּאָרטרעט פון מחבר און צייכענונגען — פון בען
חיים זעלצער / פון הײמישן ברונעם, לידער און באַלאַדן. צייכענונגען פון מחבר
י. ח. בילעצקי / איציק מאַנגער, פּרקי מסה
אַברהם נאָווערשטערן / סוצקעווער־ביבליאָגראַפיע
רשימה פון אַ. סוצקעווערס שאַפונגען אין ליד און אין פּראָזע
און פון אָפּהאַנדלונגען וועגן זײַן שאַפן
לייב אָליצקי / פון דער היים און פון דער פרעמד, דערציילונגען
הירש אָשעראָוויטש / געזאַנג אין לאַבירינט, לידער און פּאָעמעס
רחל קאָרן / פאַרביטענע וואָר, לידער
פּאָרטרעט און צייכענונגען — סילוויאַ אָרי
משה יונגמאַן / אין לאַנד פון אליהו הנביא, לידער און פּאָעמעס
בער מאַרק / מגילת אוישוויץ, מיט דאָקומענטן געפונענע אין אוישוויץ
יעקב צבי שאַרגעל / פון אָנהייב אָן, עסייען
רחל אויערבאַך / בײַם לעצטן וועג, אין געטאָ וואַרשע און אויף דער אַרישער זײַט.
וועגן רחל אויערבאַך — פּראָפ. דב סדן און ד״ר יוסף קערמיש
דוד האָפשטיין / לידער און פּאָעמעס. צוויי בענד. צונויפגעשטעלט פון פייגע
האָפשטיין. צייכענונגען פון מאַרק שאַגאַל. פּאָרטרעטן געצייכנט פון ס. שור,
הלל האָפשטיין און ה. אינגער
מלכה חפץ־טוזמאַן / הײַנט איז אייביק, לידער
אריה שמרי / אויף גרינעם פּאַרמעט, לידער און פּאָעמעס
ישעיהו שפּיגל / צוויי דערציילונגען — שני סיפּורים. תרגם : מרדכי אמיתי
ישעיהו שפּיגל / צווישן תָּו און אַלף, געקליבענע לידער
יוסי גמזו / לענדער פון דאָרשט, לידער
עסיי און איבערזעצונג : פּראָפ. לאָרענס (לייב) גרעצקי.
צייכענונגען — דער מחבר.
יהודה קערש / דער וועג פון אַ פאָלק
שמואל יוסף עגנון / צווישן אַלט און ניי, אויסגעוויילטע דערציילונגען.
יידיש : חיים גורט.
יצחק בורשטיין־פינער / מיין מאַמע — סקיצן, דערציילונגען, נאָוועלן
יעקב פרידמאַן / געזען אויף אַ ווײַל
אַברהם סוצקעווער / דאָרטן ווו עס נעכטיקן די שטערן, דערציילונגען.
צייכענונגען : יאָני פײַן
הירש אָשעראָוויטש / בלויע בומעראַנגען, לידער און פּאָעמעס
חיים זעלצער / שאָטנס אין מדבר, לידער און באַלאַדן
דב סדן / טויערן און טירן, עסייען און עטיודן